STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02837

DOS ROYTE KAYLKHELE

Mark Twain

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאַר אונזערע קינדער

ביבליאָטעק פאַר קינדער און יוגנט

דאָס רויטע קײַלבעלע

לויט מאַרק טווין

איבערזעצט י. ל.

ניו־יאָרק, 1939
פאַרלאַג „אידישע שול״
3451 גאַילס פל., סטודיאָ 1
בראָנקס, נ. י.

I

דאָס האָט געטראָפן אין דער צייט, ווען קראָמוועל האָט געהערשט איבער ענגלאַנד.

דער אָפיצער מעיפּייער האָט געדינט אין דער רעפּוב־ליקאַנער אַרמיי. ער איז אינגאַנצן אַלט געווען דרייסיק יאָר, אָבער ער האָט זיך שוין געמאַכט אַ גרויסן נאָמען מיט זיין העלדישקייט. אַלע די, וואָס האָבן אים געקענט, האָבן אים געאַכט און ליב געהאַט, ווייל ער איז געווען פּונקט אַזוי איידל און גוטמוטיק ווי העלדיש.

מעיפּייער האָט געהאַט געלעבט צופרידן און גליקלעך מיט זיין ווייב און קינד. נאָר פּלוצלונג איז געקומען אַן אומגליק.

עס איז געווען אַ ווינטער־אָוונט. אין דרויסן איז געווען פינסטער און ס׳האָט געשאָטן אַ שניי. אין צימער איז געווען וואַרעם, אָבער ס׳האָט דאָרטן געהערשט אַן אומעטיקע שטיל־קייט. דער אָפיצער און זיין פרוי זיינען געזעסן ביים ברע־נענדן קאַמין און האָבן געשוויגן. זיי האָבן שוין לאַנג וועגן אַלצדינג אָפּגערעדט, און איצט האָבן זיי שטילערהייט גע־וואַרט אויף דעם, וואָס דאַרף און מוז קומען. די יונגע פרוי האָט געוואוסט, אַז עס איז שוין ניט לאַנג פאַרבליבן צו וואַרטן. און זי פלעגט אויפציטערן יעדעס מאָל, ווען זי פלעגט זיך דערמאָנען וועגן דעם.

זיי האָבן געוואַרט אויף זייער זיבניעריק מיידעלע, עבין. זי האָט פאַר׳ן גיין שלאָפן געדאַרפט אַראָפּקומען זאָגן אירע עלטערן „אַ גוטע נאַכט" און אַ קוש טאָן זיי.

— וויש אָפּ די טרערן — האָט דער אָפיצער געזאָגט צו

זיין פרוי — און ווייז איר אַ פריילעכן פּנים. צוליב איר לאָמיר אַ ווײַלע פאַרגעסן אונזער אומגליק.

— גוט, איך וועל די טרערן באַהאַלטן אין האַרצן, וואָס איז צעריסן אויף שטיקער.

— זײַ שטיל, אָט גייט זי.

עס האָט זיך געעפנט די טיר, און עס איז אַרײַנגעקומען אין צימער אַ קליין מיידעלע מיט גרויסע בלויע אויגן און געקרײַזלטע בלאָנדע האָר. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לאַנג ווייס נאַכטהעמד. זי איז צוגעלאָפן צום טאַטן און האָט אים אַ קוש געטאָן איין מאָל און נאָך אַמאָל.

— פּאַפּאַ! — האָט זי אויסגערופן, — ווי קושסטו מיך עפּעס היינט? דו האָסט דאָך מיר שיר די האָר ניט אויסגעריסן.

— זײַ מוחל, פייגעלע מיינס! עס פאַרדריסט מיך זייער.

— יאָ, טאַקע, דיך פאַרדריסט?

דער טאַטע האָט פאַרשטעלט זיין פּנים מיט די הענט און זיך געמאַכט, ווי ער וויינט.

— וויין ניט, טאַטע! — האָט עבי געבעטן און אַראָפּגעצויגן דעם פּאַפּאַס הענט פון פּנים. אָבער זי האָט דערזען, אַז דעם טאַטנס אויגן זיינען טרוקן.

— אָ, שלעכטער פּאַ! — האָט זי אויסגערופן. — דו האָסט מיך אָפּגענאַרט. דו האָסט גאָר ניט געוויינט; דו האָסט זיך נאָר געמאַכט. וויל איך מיט דיר מער ניט שפּילן.

זי האָט געוואָלט אַראָפּשפּרינגען פון פּאָטערס שויס; אָבער ער האָט זי אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך און געזאָגט:

— לויף ניט אַוועק. איך בין געווען אַ שלעכטער, אָבער דו וועסט מיר מוחל זיין.

— אויב דו וועסט מיר דערציילן אַ מעשה, וועל איך דיר מוחל זיין.

— שאַ, שטיל! — האָט דער טאַטע אַרויסגערעדט.

די עלטערן האָבן אויפגעציטערט און זיך צוגעהערט. פון דרויסן האָבן זיך דערהערט טריט, וואָס זיינען אַלץ נעענטער צוגעקומען צום הויז. אָבער אָט זיינען זיי פאַרבייגעגאַנגען און זיך דערווייטערט. די עלטערן האָבן רואיקער אָפגעאָטעמט און דער פאָטער האָט געזאָגט:

— דו ווילסט אַ מעשה? גוט, איך וועל דיר דערציילן אַ שיינע און אַ פריילעכע מעשה.

— ניין, פאַפאַ, דערצייל אַ שרעקלעכע מעשה.

— פאַרוואָס עפּעס אַ שרעקלעכע? פאַרוואָס ניט קיין פריילעכע?

— די אַם מיינע האָט מיר געזאָגט, אַז מיט מענשן טרעפן אויך טרויעריקע און שרעקלעכע זאַכן. איז דאָס אמת?

די מאַמע האָט אַ זיפץ געטאָן, און דער טאַטע האָט געזאָגט:

— דאָס איז אמת. דאָס איז אַ ביטערער אמת, אָבער דאָס איז אַזוי.

— אויב אַזוי, — האָט עבי געזאָגט, — דערצייל טאַקע גאָר אַ שרעקלעכע מעשה; אַזאַ שרעקלעכע, אַז מ'זאָל ציטערן, ווען מ'הערט זי. און דו, מאַמע, קום אַהער און האַלט מיין האַנט. און אַז עס וועט ווערן גאָר שרעקלעך, וועל איך זיך צוטוליען צו דיר. און איצט, פאַפאַ, הייב אָן.

— הער זיך נאָר צו, טאָכטער! אַמאָל זיינען געווען דריי אָפיצערן.

— איך ווייס, וואָס מיינט אָפיצערן. דו ביסט אויך אַן אָפיצער. דערצייל ווייטער.

— איינמאָל איז אין לאַנד געווען אַ מלחמה. האָבן די דריי אָפיצערן ניט אויסגעפאָלגט אַ באַפעל פון זייער גענעראַל.

— וואָס מיינט דאָס אַ באַפעל ?

— דאָס מיינט, אַז די אָפיצערן האָבן ניט געטאָן אַזוי, ווי מ׳האָט זיי געהייסן. דער גענעראַל האָט זיי געהייסן, זיי זאָלן זיך שטעלן געגן דעם פיינט און אָפהאַלטן אים אַזוי לאַנג, ביז די גאַנצע אַרמיי פון דעם גענעראַל וועט האָבן צייט אָפצוטרעטן,און נאָכדעם זאָלן זיי אויך אָפטרעטן. און די אָפיצערן האָבן אָנשטאָט דעם זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דעם פיינט און געקעמפט מיט אים אַזוי העלדיש, אַז יענער האָט ניט אויסגעהאַלטן און איז אַנטלאָפן. און זיי האָבן צעשלאָגן דעם פיינט און צעשטרייט אים אין אַלע זייטן. דער גענעראַל איז זייער איןכעס געוואָרן אויף די אָפיצערן פאַר דעם, וואָס זיי האָבן אים ניט געפאָלגט. ער האָט זיי געלויבט פאַר זייער העלדישקייט, אָבער ער האָט זיי אויך איבערגעגעבן צום קריגס-געריכט אין לאָנדאָן, מ׳זאָל זיי משפּט׳ן פאַר ניט פאָלגן.

— איז דאָס דער גרויסער גענעראַל קראָמוועל, פּאַ ?

— יאָ, טאָכטער.

— אויב אַזוי, האָב איך אים געזען. ער איז פאַרבייגעפאָרן פאַרביי אונזער הויז אויף זיין גרויס פערד. זיין פּנים איז געווען שטרענג און בייז. אַלע האָבן פאַר אים מורא געהאַט, אָבער איך האָב זיך פאַר אים ניט געשראָקן, ווייל ער האָט ניט געקוקט אויף מיר.

— פיין, קליינע פּלאַפּלערין ! און איצט הער ווייטער : די אָפיצערן האָט מען געבראַכט אין לאָנדאָן, נאָר מ׳האָט זיי ערלויבט צו זען זיך מיט זייערע פאַמיליעס. היינט אינדערפרי האָט מען זיי אַהער געבראַכט.

— אויב אַזוי, איז דאָס אַן אמת׳ע מעשה ?

— יאָ, מיין טייערע!

— איז דאָס נאָך שענער. דערצייל ווייטער. אָבער מאַמע טייערע, פאַרוואָס וויינסטו?

— גאָרנישט, מיין ליבע! איך האָב זיך דערמאָנט אָן די אומגליקלעכע פאַמיליעס.

— וויין ניט, מאַמע! דו וועסט זען, אַלץ וועט זיין גוט. אַ מעשה ענדיקט זיך אַלעמאָל גוט. נו, דערצייל ווייטער, פאַ!

— און איידער מ׳האָט זיי געלאָזט גיין אַהיים צו זייערע פאַמיליעס, — האָט דער פאָטער ווידער דערציילט, — האָט מען זיי אַריינגעזעצט אין טורמע. אין טורמע האָט מען זיי געמשפט און זיי צוגעמשפט — מ׳זאָל זיי שיסן.

— ווי, מ׳וועט זיי טייטן, פאַ?

— יאָ, מיין טייערע.

— אָ, ווי שלעכט! אָבער, מאַ, דו וויינסט ווידער! הער אויף. באַלד וועט די מעשה ווידער ווערן פריילעך. דערצייל שנעלער, פאַפאַ, דו ציסט צופיל.

— און דו שלאָגסט מיך כסדר איבער.

— גוט, איך וועל דיך מער ניט איבעררייסן.

— און די דריי אָפיצערן...

— דו קאָנסט זיי, פאַ?

— יאָ, מיין טייערע?...

— איך וויל זיי אויך קענען. וואָס דענקסטו, מ׳וועט מיר ערלויבן אַ קוש טאָן זיי?

דער טאַטע האָט איר געענטפערט מיט אַ ציטערנדיקער שטימע:

— איינער פון זיי וועט דיר זיכער דערלויבן. דערלאַנג איצט מיך אַ קוש אָנשטאָט אים.

— נאַ דיר, פאַ, אַ קוש. און דאָס איז פאַר די אַנדערע

צוויי. מאַ, וויין ניט; אָט באַלד וועט זיך ענדיקן די מעשה. נו, ווייטער, פּאַ!

— די ריכטער, וואָס האָבן פאַר׳משפּט די אָפיצערן, זיינען געוואָרן אומעטיק. זיי האָט פאַרדראָסן, וואָס מ׳וועט די אַלע דריי אָפיצערן טייטן. זיינען זיי אַוועק צום גענעראַל און געזאָגט: „מיר האָבן טאָקע לויט דעם געזעץ פאַר׳משפּט אַלע דריי אָפיצערן; אָבער דו קאָנסט דאָך מוחל זיין. בעטן מיר דיך, דו זאָלסט צווייען פון די דריי באַפרייען. זאָל מען בלויז איינעם דערשיסן, כדי אַלע זאָלן מורא האָבן און אויספאָלגן די באַפעלן פון די העכערע; און די אַנדערע צוויי זאָלן אַרויס פריי.

קראָמוועל האָט אַ ווײַלע געטראַכט און געזאָגט:

„איך שטים צו. זאָלן די דריי וואַרפן גורל צווישן זיך. ווער עס וועט אַרויסציען דעם טויט־גורל, וועט דערשאָסן ווערן; די אַנדערע צוויי וועלן בלייבן לעבן.

— האָבן זיי געוואָרפן גורל? — האָט עבי איבערגעריסן.

— ניין, זיי האָבן ניט געוואָלט וואַרפן קיין גורל.

— פאַרוואָס?

— קיינער פון זיי האָט ניט געוואָלט, אַז דער אַנדערער זאָל שטאַרבן פאַר אים. זיי האָבן דעריבער באַשלאָסן, זיי זאָלן אַלע דריי דערשאָסן ווערן. שאַ, שטיל!

— וואָס איז דאָס, דער ווינט?

טראַם, טראַם, טראַם. . . . האָבן זיך דערהערט טריט; און באַלד האָט זיך דערהערט אַ קול ביים טיר:

— אינ׳ם נאָמען פונ׳ם גענעראַל — עפנט אויף! . . .

— יאָ, פּאַפּאַ, דאָס זיינען דאָך זעלנער! איך האָב ניט מורא פאַר זעלנער. לאָז מיך, פּאַפּאַ, וועל איך זיי עפענען די טיר.

זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון איר פאָטער׳ס שויס, צוגע־לאָפן צו דער טיר, געעפנט זי און מיט פרייד אויסגערופן:

— קומט אַריין! קומט אַריין!

די זעלנער זיינען אַריין. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי מיט די ביקסן אויף די אַקסלען. דער עלטסטער האָט באַגריסט דעם אָפיצער. דער אָפיצער האָט געענטפערט. זיין ווייב איז געשטאַנען לעבן אים, בלייך ווי דער טויט. און דאָס מיידעלע האָט געקוקט אויף דער גאַנצער סצענע, און אירע אויגן האָבן געשטראַלט פון פרייד.

דער אָפיצער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט זיין ווייב און קינד. דער עלטסטער פון די זעלנער האָט אָפּגעגעבן אַ באַפעל: „אין טורמע!" — די זעלנער האָבן זיך געשטעלט פון אַלע זייטן פונ׳ם אָפיצער און זיינען מיט אים אַוועק.

— אָ, מאַמאַ, ווי פיין! — האָט די קליינע עבי אויסגערופן. איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז דער סוף וועט זיין אַ שיינער. זיי זיינען אַוועק אין טורמע, און פּאַפּאַ וועט זיי זען און זי' איבערגעבן מיין קוש...

— אָ, מיין קליינע אומגליקלעכע יתומה! — האָט די מו־טער אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

II

אויף מאָרגן אין דער פרי האָט די אומגליקלעכע פרוי ניט געקאָנט אויפשטיין פון בעט. דאָקטוירים און עטלעכע פרוי־ען האָבן זיך גע׳עסק׳ט אַרום איר. עבין האָט מען צו איר ניט צוגעלאָזט.

— גיי, שפּיל זיך אין דרויסן; — האָט מען איר געזאָגט; — די מאַמע איז ניט געזונט.

עבי האָט אָנגעטאָן איר וואַרעם מאַנטעלע און איז אַרויס אין גאַס שפּילן זיך. באַלד אָבער האָט זי אַ טראַכט געטאָן,

אַז עס איז ניט גוט, וואָס איר פּאַפּאַ זאַמט זיך אַזוי לאַנג אין טורמע, ווען די מאַמע איז קראַנק. האָט זי באַשטימט צו גיין צו דער טורמע און דערציילן דעם טאַטן, אַז די מאַמע איז ניט געזונט.

דערווייל האָט דער גענעראַל גערופן צו זיך די ריכטער. ער איז געשטאַנען, אָנגעלענט אויפ׳ן טיש, גרייט זיי אויסצוהערן. און דער עלטסטער ריכטער האָט געזאָגט:

— מיר האָבן זיי געפּרוּווט איינרעדן, זיי זאָלן צושטימען צו אונזער פאָרשלאָג, אָבער זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט. זיי באַשטייען אויף זייערס: זיי ווילן שטאַרבן אַלע דריי.

דעם גענעראַלס פּנים האָט זיך פאַרכמורעט. ער האָט געטראַכט אַ ווײַלע און דאַן געזאָגט:

— זיי וועלן אַלע דריי ניט שטאַרבן. דעם גורל וועט אַן אַנדערער אַרויסציִען פאַר זיי.

די ריכטער האָבן מיט דאַנקבאַרקייט געקוקט אויף קראָמוועלן און יענער האָט צוגעגעבן:

— ברענגט זיי אַהער. שטעלט זיי אַוועק אין דעם דערבייאיקן צימער מיט די פּנימ׳ער צום וואַנט און מיט די הענט פאַרבונדן אויף הינטן. לאָזט מיר וויסן, ווען איר וועט זיי ברענגען.

די ריכטער זיינען אַרויס. און דער גענעראַל האָט געהייסן זיין באַדינער, ער זאָל אַרויס אין גאַס און זאָל דאָס ערשטע קינד, וואָס ער וועט באַגעגענען, אַריינברענגען צו אים.

דער באַדינער איז אַרויס, ערשט אַנטקעגן אים קומט אָן עבי. האָט ער זי געבעטן אַריינגיין מיט אים צום גענעראַל. עבי איז אַריין און איז גלייך צוגעקומען צום גענעראַל, פאַר וועלכן די שטאַרקסטע מענטשן פון לאַנד האָבן זיך געשראָקן. זי איז אַרויף צו אים אויף די קני און געזאָגט:

— איך קען דיך, מיין הער! דו ביסט דער גענעראַל. איך האָב דיך געזען, ווי דו ביסט געריטן אויף דיין פערד פאַר־



ביי אונזער הויז. אַלע האָבן זיך געשראָקן פאַר דיר, אָבער ניט איך. דו געדענקסט אַוודאי, איך האָב דעמאָלט געטראָגן אַ רויט קליידעלע מיט בלויע בלימעלעך אויסגענייט.

אַ לייכטער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף קראָמוועלס בייזן פנים. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער עבי האָט פאָרגעזעצט:

— איך בין דעמאָלט געשטאַנען לעבן אונזער הויז. די ווייסט דאָך אונזער הויז.

— ניין, מיין קליינע! איך שעם זיך, אָבער דו פאַר־שטייסט...

— זעסט, דו האָסט פאַרגעסן, און איך דיך האָב ניט פאַר־געסן.

— עס פאַרדריסט מיך זייער און זייער. אָבער פון היינט אָן וועל איך דיך מער קיינמאָל ניט פאַרגעסן. זיי מיר מוחל, און לאָמיר זיין גוטע פריינט.

— אַוודאי וועלן מיר זיין פריינט. איך פאַרגעס אויך אַמאָל. איך בין דיר מוחל, ווייל דו האָסט דאָך פאַרגעסן אומגערן. דו דאַרפסט דאָך זיין אַ גוטער. דערלאַנג מיר אַ קוש, ווי פאַפאַ קושט מיך, און דריק מיך צו צו זיך, ווייל דאַ איז קאַלט.

— מיט פאַרגעניגן וועל איך דיך אַ קוש טאָן און צודריקן צו זיך, מיין קליינע פריינדין. ווען איך קוק אויף דיר, דער־מאָן איך זיך אויף מיין קליין טעכטערל — איצט איז זי שוין אַ גרויסע. זי איז אויך געווען אַזאַ גוטע, אַזאַ צוגעלאָזטע צו אַלעמען, ווי דו. זי האָט אויך ליב געהאַט צו זיצן ביי מיר אויף די קני, און איך פלעג זיך דעמאָלט באַרואיקן. שוין אַ סך יאָרן אַוועק זינט דאַן; און איך בין אַזוי צופרידן, וואָס דו האָסט איצט געמאַכט, איך זאָל זיך דערמאָנען אָן יענער צייט. אַ דאַנק דיר דערפאַר.

— און דו האָסט זי שטאַרק ליב געהאַט?

— אָ, זייער שטאַרק. איך האָב זי אַזוי ליב געהאַט, אַז איך פלעג פאָלגן אַלץ, וואָס זי פלעגט מיר הייסן.

— דאָס איז גוט. ווילסטו מיך אַ קוש טאָן?

— מיט'ן גרעסטן פאַרגעניגן. נאַ דיר אַ קוש פאַר דיר

און אַ קוש פאַר איר. און איך וועל אויך דיך פאָלגן אַלץ, וואָס דו וועסט מיר הייסן.

דאָס קינד האָט אָנגעהויבן פּאַטשן מיט די הענטלעך. זי איז אונטערגעשפּרונגען און האָט אויסגערופן:

— ווי גוט עס איז!

פלוצלונג האָבן זיך דערהערט שווערע טריט. עבי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס זיינען זעלנער, און זי האָט געזאָגט:

— הער גענעראַל, עס קומען אָן זעלנער; איך וויל זיי זען.

— דו וועסט זיי זען. אָבער וואַרט צו; איך דאַרף דיך נאָך עפּעס בעטן.

אַן אָפיצער איז אַריין אין צימער און זיך פאַרנייגט:

„די אַרעסטירטע זיינען דאָ, גענעראַל!" געזאָגט, זיך פאַרנייגט און איז אַרויס.

קראָמוועל האָט זיך אויפגעהויבן, גענומען דריי קיילכע־לעך — צוויי ווייסע און איינס אַ רויטס — און זיי געגעבן עבין.

— זייער שיינע קיילכעלעך. — האָט זיך עבי אָפּגערופן.

— אָט דאָס רויטע איז פאַר מיר.

— ניין, מיין טייערע, ניט פאַר דיר, פאַר אַנדערע. גיי אַריין אין דעם צווייטן צימער. דאָרטן וועסטו זען דריי מענשן. זיי שטייען אין אַ ריי מיט די פּנים'ער צום וואַנט און מיט די הענט פאַרבונדן אויף הינטן. גיי צו צו זיי און לייג אַריין יעדן איינעם פון זיי אין די הענט איין קיילכעלע. נאָכדעם וועסטו קומען צוריק צו מיר.

עבי איז שנעל אַרויס אין דעם צווייטן צימער. זי איז אַ ווײַלע געשטאַנען צעטומלט, זעענדיק אַזוי פיל זעלנער און די אַרעסטירטע מיט די הענט פאַרבונדן אויף הינטן. אָבער



זי האָט אריינגעלייגט דאָס רויטע קיילכעלע איר טאַטן אין די הענט.

באַלד האָט זי אין איינעם פון די אַרעסטירטע פון הינטן דער־קענט איר פּאַפּאַן. אַ שמייכל האָט באַלויכטן איר פּנים און זי האָט אַ טראַכט געטאָן: „אים וועל איך געבן דאָס שענערע קייקעלע״.

זי איז מיט פרייד צוגעגאַנגען צו די דריי אַרעסטירטע. זי האָט אַריינגעלייגט צו איין ווייס קיילכעלע אין די הענט פון די צוויי אַנדערע אַרעסטירטע, און דאָס רויטע קיילכעלע האָט זי אַריינגעלייגט איר טאַטן אין די הענט.

— פּאַפּאַ, זע, וואָס איך האָט דיר געגעבן! — האָט זי אויסגערופן מיט פרייד.

דער פּאָטער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין גורל, איז גע־פאַלן אויף זיינע קני און האָט מיט רחמנות צוגעדריקט צום האַרצן זיין טעכטערל, זיין קליינע מערדערין. די זעלנער און די צוויי באַפרייטע אָפיצערן האָבן אַ מאָמענט געקוקט אויף דעם שוידערלעכן בילד און ניט געקאָנט רירן זיך פון אָרט. נאָכדעם האָבן זיך אַלע צעוויינט. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום איז דער עלטסטער פון די זעלנער צוגעקומען צום פאַר׳משפט׳ן אָפיצער, אָנגענומען אים פאַר׳ן אָרעם און געזאָגט:

— עס פאַרדריסט מיך זייער, אָבער דאָס געזעץ פאָדערט.

— וואָס פאָדערט עס? — האָט די קליינע געפרעגט.

— איך מוז אים אַוועקפירן פון דאַנען.

— אַוועקפירן פּאַפּאַן? וואוהין?

— אין . . . אין טורמע!

— זאָלסט דאָס ניט טאָן. די מאַמע איז קראַנק, און איך בין געקומען רופן פּאַפּאַן אַהיים.

זי האָט אַרומגענומען דעם טאַטן און געזאָגט: „איצט בין איך גרייט. קום, לאָמיר גיין אַהיים!״

— מיין אומגליקלעך מיידעלע! — האָט דער טאַטע גע־

ענטפערט. — אָבער איך קאָן ניט גיין מיט דיר. איך מוז גיין מיט זיי.

דאָס קינד האָט אַ ווײַלע געקוקט פאַרוואונדערט; נאָכ־דעם איז זי צוגעגאַנגען צום עלטסטן, אַ טופּע געטאָן מיט׳ן פוס און אויסגעשריען:

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז די מאַמע איז ניט גע־זונט. דו דאַרפסט הערן, וואָס איך זאָג דיר. מיר מוזן גיין אַהיים.

— אָ, ווען איך וואָלט אים נאָר געקאָנט לאָזן גיין! אָבער איך מוז אים נעמען מיט זיך. זעלנער! די ביקסן אויף די אַקסלען! קומט!

פלינק ווי אַ פייל פון בויגן איז עבי אַרײַנגעלאָפן אין צווייטן צימער און באַלד געבראַכט צו שלעפּן פון דאָרטן קראָמוועלן. אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט, ווי זיי האָבן אים דערזען, און זיך פאַרנייגט.

— האַלט זיי אָפּ, מיין הער! — האָט עבי אויסגערופן. — מיין מאַמע איז קראַנק און זי וויל זען פּאַפּאַן. איך זאָג זיי. און זיי ווילן מיך ניט פאָלגן און ווילן צונעמען פּאַפּאַן מיט זיי.

קראָמוועל איז געבליבן שטיין ווי געטראָפן פון אַ דונער.

— דיין פּאַפּאַן? קינד מיינס, איז דאָס דיין פּאַפּאַ?

— אוודאי! ער איז אַלעמאָל געווען מיין פּאַפּאַ. און איך האָב אים ליב, זייער ליב. דערפאַר האָב איך אים אויך געגעבן דאָס שענסטע קיילכעלע, דאָס רויטע.

— וואָס האָב איך געטאָן, וואָס? דאָס איז דאָך דאָס ערגסטע, דאָס גרויזאַמסטע, וואָס איך האָב געקאָנט טאָן! — האָט קראָמוועל צו זיך גערעדט. —אָבער וואָס זאָל איך איצט טאָן, וואָס?

עבי האָט אויף אים אָנגעשריען:

— דו קענסט דאָך זיי הייסן אָפּלאָזן אים. — זי האָט אָנ־געהויבן וויינען. — הייס זיי! דו האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט פאָלגן אַלץ, וואָס איך וועל דיך בעטן. איז דאָס מיין ערשטע ביטע, און דו פאָלגסט מיך ניט.

דאָס פינסטערע פּנים פונ׳ם גענעראַל האָט אויפגעשיינט. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט דעם קינד אויפ׳ן קאָפּ און געזאָגט: „געבענשט איז די מינוט ווען איך האָב דאָס דיר פאַרשפּראָכן, און געבענשט ביסטו, מיין טאָכטער, וואָס דו האָסט מיך איצט דערמאָנט אָן מיין פאַרשפּרעכן. עלטסטער, פאָלג, וואָס זי הייסט! דער אַרעסטירטער איז פריי! לאָזט אים אָפּ!״

שווערערע ווערטער:

גוטמוטיק — פריילעך, אויפגעלייגט.
גורל וואַרפן — ציען קניפלעך.
געʼעסקʼט — זיך באַשעפטיקט, געווען פאַרנומען.
געקרייזלט — געדרייט, ניט גלאַט.
געשטראַלט — געשיינט, געפינקלט.
גרויזאַם — זייער שלעכט, האַרטהערציק.
כסדר — נאָכאַנאַנד.
מוחל זיין — פאַרגעבן.
פאַרכמורעט — פאַרטונקלט, פאַרוואָלקנט.
צוגעלאַזט — פריינטלעך, גוט.
צוטוליען — צודריקן.
שוידערלעך — שרעקלעך.